Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 30 גראשען | היינט 24 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 10 | Łódź, Piątek 22 stycznia 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, י״ד שבט תרצ״ב | № 19

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

**ציקליסטען-געיעגען**
**אויף „האמאטרענערס"**
איינפטריט פון קאפלאן און מיהלשטיין פון „הכח", ווי אויך וויטעלזאן און צוקערמאן פון „בר-כוכבא".
**פרוּ׳ען מאנשאפט אין נעט באל**

**מארגען** | **מארגען**

**טורנען אויף מכשירים** –
פארטורנער-גרופע פון „בר-כוכבא",
**אלימפישע פריאיבונגען,**
**פריאיבונגען מיט א רייף,**
**פיראמידען** —
מוסטער-גרופען פון „מארגענשטערן".

## שבת
דעם **23** יאנואר
פינקטליך
10 א זייגער פארמיטאג
## אין זאל
## פילהארמאניע
# גראנדיעזע
# ספארט=רעווי
### מיט דער בעטייליגונג פון אלע יודישע
# טורן= און ספארט=
# פעראיינען
## אין לאדז

**קומט בעוואונדערען**
**די דערגרייכונגען**
פון דער יודישער ארבייטער- און
בירגערליכער ספארט-בעוועגונג!

**שווער-אטלעטיק**
אנטייל פון די פוילישע מייסטער.
**לאדזער פינג-פאנג-מייסטער** מכבי
וועלכע האבען געשפילט מיט די אונגארישע וועלט-מייסטער אין איינצעל- און דאפעל-פארטיעס.

בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון פילהארמאניע

# לאָדזער פּליאַטקעס

## מעשה'לעך וואָס ווערען דערציילט ביי א פּול טשאַרני...

אין אַ געזעלשאַפט האָט זיך דער עולם גע־ווילט. יעדער איינער האָט געדאַרפט ענטפערן אויף דער פראַגע: „וואו פיהלט זיך אַ מאַנסביל אַמבעסטען"? פאַר דעם טרעפליכסטען ענט־פער איז בעשטימט געוואָרען אַ „נאַגראַדע".

איינער פון די אנוועזענדע האָט געענטפערט: אַמבעסטען, פיהלט זיך דער מאַן אין די אָרימס פון זיין אייגענער פרוי — ער האָט בעקומען די נאַגראַדע.

קומענדיג אַהיים, האָט ער דער פרוי דער־צעהלט וועגען דער נאַגראַדע, כדי זי זאָל שפּע־טער נישט שטאָלצירען; האָט ער איהר דערצעהלט, אַז ער האָט געענטפערט: אַמבעסטען פיהלט זיך דער מאַן אין דער סינאַגאָגע.

מיט אַ צייט שפּעטער טרעפט די פרוי אַ בע־קאַנטען, וועלכער דערצעהלט איהר וועגען איהר מאַנס טרעפליכען ענטפער, דערויף האָט די פרוי געענטפערט:

מיין מאַנס ענטפער איז אָבער נישט קיין אמת'ער, ראשית איז ער אין זיין גאַנץ לעבען דאָרט געווען סך־הכל צוויי מאָל. איינמאָל באַלד נאָך דער חתונה, ס'צווייטע מאָל דאָ ערשט נישט לאַנג, און דערביי האָב איך איהם פשוט געצווינגען דערצו ביז ער האָט זיך קוים דעצידירט.

# נקמה פון א היטלעריסט

## איידער לערנען זיך שלאָגען יודען, לערן דיך בעסער שווימען

אין בערלין האָט זיך אַ יונגער היטלעריסט געגליטשט אויפ'ן אייז, פלוצלונג האָט זיך דאָס אייז איינגעבראָכען, און דער „נאַציאָנאַלער העלד" איז אַרונטער אונטער'ן וואַסער.

— הילפע! הילפע! — האָט דער היטלעריסט געשריגען.

אַ יוד, וואָס איז גראָד פערבייגעגאַנגען און געזעהען ווי דער היטלעריסט טרינקט זיך, האָט ער רוהיג געזאָגט:

הילפע, הילפע! אַ שיינע ריינע כפּרה. שטאָטס לערנען זיך שלאָגען יודען, האָסטו דיך בעסער געדאַרפט לערנען שווימען...

# א בלויזער טאַטע איז וועניג...

## וויכטיג פאַר טאַטעס, וואָס שיקען געלד אין דער לובלינער ישיבה

אַ לאָדזער חסידישער גביר, האָט לערנען אַ זוהן אין דער לובלינער ישיבה. די טעג האָט דער פאָטער דעם זוהן געשיקט געלד אויף אַ פאָסט־טשעק. דער זוהן קומענדיג אויף דער פאָסט אָפּנעהמען ס'געלד, ענטפערט מען איהם, מ'קען דאָס געלד נישט אויסצאָהלען.

— פאַרוואָס? האָט דער בחור געפרעגט.

— ווייל דער טשעק איז אונטערגעשריבען מיט די ווערטער:

דיין געליבטער טאַטעשי.

# א כפּרה דער זלאָט...

## אַנ'אמת'ער פּאַרפאַל אויף אַלט־אַנדער־גאָס

יוד (צום אַפּטייקער): פּאַניע לעוויטינע, האָט רחמנות, מיין קינד האָט אַראָפּגעשלונגען אַ זלאָטי.

אַפּטייקער: לויפט גיכער צו אַ פעלדשער.

יוד: וויפיל קאָסט אַ פעלדשער?

אַפּטייקער: 5 זלאָטיס.

יוד: 5 זל.? — אַ כפּרה די זלאָטי!

# עפנטלי'כער דאַנק

דער דירעקציע פון דער טראַמוואַי־געזעלשאַפט ווי אויך דעם שטרייק קאָמיטעט צוליב דעם פער'עקשנ'טען

# טראַוואַי־שטרייק

דריקען מיר אויס אונזער האַרציגסטען דאַנק — הלוואי ווייטער — פאַטע זיסער!

מיט כבוד

לאָדזער רוך קאָלאָווי.

פעראיין פון טאַקסי־בעזיצער.

פעראיין פון אויטאָבוסן־בעזיצער

פון לאָדזער וואָיעוואָדזטווע.

לאָדזער שוסטער־צעך.

# זרח קראַדניק האָט נישט קיין מזל

## אַז דער מאַן זיצט 4 יאָהר איז חד־גדיא

זרח קראַדניק איז געזעסען 4 יאָהר אין חד־גדיא פאַר אַ „מעסמאַטען". אַהיימקומענדיג נאָך די 4 יאָהר, זעהט ער זיין ווייב זייגט אַ קינד.

— וועמענס איז דאָס קינד? — האָט זרח גע־פרעגט דעם ווייב.

— דאָס איז מיין קינד — האָט דאָס ווייב געענטפערט, וואָלסטו געווען אַנ'אָרענטליכער מענש וואָלט עס געקענט זיין דיינס אויך.

# א לאָדזער עדיסאָן

## א זעהר נוצליכע ערפינדונג

ווי דער „קונדס" דערוואוסט זיך, האָט אַ לאָדזער יוד ערפונדען אַנ'ערפינדונג, וואָס שטייגט איבער עדיסאָנס ערפינדונגען. דער יוד האָט ער־פינדען אַ שטימע גראַמאַפאָן־פליטע, וואָס, אַז מ'־דרעהט אָן דעם גראַמאַפאָן, בלייבט די פליטע שטיין ווי די וואַנד. זי דרעהט זיך אויפ'ן גראַמאַפאָן און מ'הערט קיין פּיפּס נישט. די פליטע ווירקט זעהר גוט אויף די נערווען, די דאָזיגע שטימע־פליטען זענען זעהר נוצליך צו געבען שכנים, וואָס האָבען גראַמאַפאָנען — מתנות.

מיר פראָטעזשירען די פליטען פאַר גראַמאַ־פאָנען בעזיצער, וואָס ליידען פון קאָפּ־ווערטאָג.

# גנבה

(פּאַראָדיע)

אומעטום, אויף יעדען אָרט.
צו ביי קונסט דאָ און דאָרט,
בענוצט מען נאָר, דאָס איינע וואָרט —
גנבה.

אין סטודיעס, צו אין קרייזען
סוחרים פון פּאַפּיר און אייזען,
ס'איז אַ קרידיט, מ'קען נישט לייזען
לאָזט מען אַראָפּ האַלבע פריידען,
נאָר מיט פּאַקטען קען איך אייך בעווייזען,
אַז ס'איז גנבה.

אין פּאַרטייען, צי פעראיינען,
הערט איהר דיכטער־לידער לייענען,
(סיי צום לאַכען, סיי צום וויינען).
זיי זענען בעסער נאָך פון „הייגען".
אַז ס'איז אייגען, קאָן מען מיינען, —
זאָג איך אייך, ס'איז גנבה.

גנב'עט וואָלאַרעק, גנב'עט באַנגער,
סיי אַ קורצער, סיי אַ לאַנגער,
און די טאַשען ווערען שוואַנגער
אין דער שטיל, און מיט אַ קוויטש,
לאָזט מען זיך אויף דער גליטש,
ס'איז פערפאַלען „משימי זשיטש" —
גנבה.

אין געשעפטען פון נייע מאַרינאַרקעס
אין טעאַטער ביי די 10־גראָשענדיגע מאַרקעס,
אויפ'ן בית־עולם ביי די קרקעות —
גנבה.

אין ענגלאַנד, פאַלט דער פונט.
די „ווילנער" שפּילען נישט קיין שונד,
סיי די גרינע, סיי די בלויע
(און איך זאָג: איהר זענט אייך טועה) —
ס'איז גנבה.

ס'גנב'עט ביינינג, ס'גנב'עט היטלער
אַליין און מיט פערמיטלער
אַלע מיינען דעם עולם־הזה,
אין דער ניהער און די הויך
אַלע בע'גנב'עט אין מוח
אין קונסט, אין פּאָליטיק,
איבעראַל די זעלבע שטיק.
ראובן, שמעון, יהודה, לוי,
סאַנאַציע איבערט ווי נח מיט דער תיבה,
פ.פ.ס. דעם „ווידען" וויל שטעלען אַ מצבה,
ס'איז גנבה, ס'איז גנבה ווי כ'בין אַ יוד.
די טאַשען אייך פסדר היט,
ווייל אומעטום דאָך ליד איז אַלץ —
גנבה.

ש. יאַבלאָנסקי.

# ווער ווייסט?

ס'איז אָנגעקומען

# די הילף־אַקציע

## פאַר פרנסה'לאָזע יודען

ווער ס'ווייסט ווי זי איז אהינגעקומען, ווערט גע־בעטען מיטצוטיילען פל. וואָלטשאַנסקי 6 ביים פרויעס מינצבערג, אָדער צום סעקרעטאַר ה' גאָרדאָל.

דער
# קונדס

הומאָר ● סאַטירע ●

● צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק

ביילאַגע צום נייעם פאָלקסבלאַט נומער 19 — פרייטאג, דעם 22 יאַנואַר 1932

# דער קאַמיטעט פאַר פרנסה'לאָזע יודען ביי דער לאָדזער קהלה




א בילד געצייכנט נישט פון אימשטעל ברוינער



אויבען רעכטס: דער קריג אין ווייטען מזרח. מאַרש פון אַ יאַפּאַנישער מיליטער־אָפּטיילונג אין מאַנדזשוריען.



אינדערמיט רעכטס: דער נייער אַמעריקאַנישער געזאַנדטער אין לאָנדאָן לאָרענט פיפּס.

אינדערמיט לינקס: די נייע געביידע פון קעלנער אוניווערזיטעט ווערט צוליב שפּאָרזאַ[illegible] נישט פאַרענדיגט.

אונטען רעכטס: נייע וויכטיגע היסטאָרישע אויסגראָבונגען זענען געמאַכט געוואָרען אין רוים



אויבען: דער ביסמאַרק ־ דענקמאַל אין בערלין.





אויבען לינקס: דער ערשטער פּרעזידענט פון שפּאַניען אַלקאַלאַ זאַמאָראַ ווערט אויף דער רייזע שטורמיש בעגריסט פון דער בעפעלקערונג.



אינדערמיט לינקס: בעריהמטער דייטשער פּעדאַגאָג פּראָפ. געאָרג קערשענשטיינער איז געשטאָרבען אין עלטער פון 78 יאָהר.

אונטען לינקס: דער וויינער אינזש. גוסטאַוו טאַוּשעק (אין טונקעלען אַנצוג מיט זיינע מיטאַרבייטער) האָט ערפינדען אַ מאַשין, וואָס מיט איהר הילף קאָן אַ בלינדער לייענען יעדער נאָרמאַלער דרוק־שריפט.





דער גרינדער פון קאַטוילישען צענטרום אין דייטשלאַנד לודוויג ווינדהורסט, צום 120־טען יאָהרטאָג פון זיין געבורט





צוליבן פאַלן פון פונט איז סיאַם געצוואונגען צו ליקווידירען איהרע דיפּלאָמאַטישע פּלאַצובקעס. אויפן בילד פּרינץ פּרידי דעוואַקול, דער געזאַנדטער אין בערלין.



דער בעקאַנטער צעפּעלין־פיהרער ד״ר עקענער האָט בעקומען דעם גרויסען גאָלדענעם מעדאַל פון אינטערנאַציאָנאַלען לופט־פליהקאָנגרעס.





אויבען רעכטס: פאַרבערייטונגען צו דער ווינטער־אָלימפּיאַדע אין לעיק פּלאַסין (אַמעריקע). די ספּעציעל איינגעאָרדענטע גליטש־באַהן.

אינדערמיט רעכטס: די געוועזענע קעניגין פון גריכענלאַנד, אַ שוועסטער פון עקס־קייזער ווילהעלם, איז געשטאָרבען נאָך אַן אָפּעראַציע אין פראַנקפורט.

אונטען רעכטס: ריזיגע שרפה פון אַנטווערפּענער זאָאָלאָגישער טעאַטער. דאָס טעאַטער אין אילומינאַציע בעלייכטונג.





אויבען: דער בערימטער אָמאַר מעטשעט אין ירושלים, פון וואַנען עס איז פערשוואונדען אַ באַנד מיט די עלטסטע און טייערסטע קאָראַן־האַנדשריפטען

אונטען: הייזער פון שטאָהל. אַזעלכע הייזער ווערען אויפגעשטעלט נעבען בערלין פאַר אַרבייטסלאָזע. דער מאָנטאַזש דויערט סך הכל 10 טעג.







אויבען לינקס: ריזיגע פייערליכע פערזאַמלונג צום יאָהרטאָג פון דער גרינדונג פון דער דייטשער מלוכה. די פייערונג איז איינגעאָרדענט געוואָרען דורך די רעפּובליקאַנער. אין רעהמעל דיכטער פריץ פאָן אונרוה וועלכער האָט צו דער פייערונג ספּעציעל אָנגעשריבען אַ מאַניפעסט.

אינדערזייט לינקס: דער בערימטער פראַנצויזישער מאַלער עדואַרד מאַנעט צו זיין הונדערטסטען געבורטס־טאָג.

אונטען לינקס: דענעמאַרק בויט די גרעסטע באַהן־בריק אין איראָפּא. די בריק זאָל האָבען אין דער לענג 3300 מעטער.



